ישראל ראַבאָן

# אונטערן פּלויט פון דער וועלט

אונטערן פּלויט פון דער וועלט

# אינהאַלט=פאַרצייכעניש:


| | זייט: |
|---|---|
| מיין ליד | 5 |
| עלעגיע | 12 |
| א ליד וועגן אַ גנב | 13 |
| איך בין | 16 |
| גאָט, גיב מיר די רו | 18 |
| אויף דער גאַס א) | 19 |
| ב) | 20 |
| געבעט | 21 |
| צווייי | 22 |
| צו אַ געהאָנגענעם מערדער | 23 |
| דאָס ליד פון עלנטן | 24 |
| דער אַלטער בחור | 25 |
| באַלאדע פון מלך, וואָס האָט געטאַנצט מיטן ווינט | 26 |
| הימן צו דער פויסט | 30 |
| באַלאַדע וועגן א פערד | 41 |


Drukarnia Rekord Warszawa, Dzika № 18

מיין פריינט ג. קאפעטאל
דאָס בוך געווידמעט


| | זייט |
|---|---|
| צוועק ! | 37 |
| געבעט אויף רוי | 39 |
| גרויסשטעטישער אָוונט | 40 |
| בלוי | 41 |
| ליכטיקער מאָרגן | 49 |
| פוילישער הארבסט | 50 |
| עס איז געוועזן | 51 |
| פארטרעט | 53 |
| כ'האָב ליב | 56 |
| איך און דער באַרג | 57 |
| שטורם=נאכט | 58 |
| כ'האָב היינט זיך אויפגעהויבן | 59 |
| שניי=נאַכט | 61 |
| אַ רויז אין אַ וואַזע | 62 |
| צום טויט | 63 |
| אָ, פאָטער גאָט | 64 |
| די טויטע שיף | 67 |

## מײַן ליד.

מיך האָט נישט געצערטלט קײן פרײלעכער קינדטאָג!
איך האָב נישט געזויגן די בריסטן פון אַמען!
אָך, זעלטן געדענק איך מײַן הײם אין אַ זון־טאָג,
נאָר שעלטן און װײנען געדענק איך מײַן מאַמען!

װען איך בין געלעגן אַ קינד אינעם װיגל
געזונגען אַרײַן אויפ׳ן דיל האָט אַ לידל
דער רעגן, דער װינט האָט אין צאָרן געשריגן
„שלאָף אײַן!" דורך די שפּאַרעס פון הילצערנעם לאָדן.

און איך בין געװאַקסן אַ װילדער, אַ לאָבוז,
געטראָגן אויף האַרצן אַ טאָרבע געשרײען,
צו װאַרפן פאַר גאָט און דעם הימל פּאַהטויבן —
מײַן אײנציק פאַרמעגן אין לופטן צעזײען!

און איך בין געװאַקסן מיט װיכער אין גליד,
געװאַלגערט אין פרעמד, מיט גנבים געלאָפן;
געהונגערט—געגעסן אַ שטיק װינט אויף מיטיק
און הימל געגעסן אויף מאָלצײַט אין אָװנט!

געגנבעט פון פּויערישע װעגענער עפּל,
אין קאָרטן מיט שקצים געשפּילט אויף ירידן,
פון פעלדער בײַנאַכט אויסגעגראָבן קאַרטאָפל,
מיט יונגען פון גאַס געמאַכט פרײלעכע סעודות..

געזעסן בײַ פּײַערס אין חלום פאַרדרימלט
מיט שלעגערס, טרעלבוכעס און הפקרע קײלער;
פון לאַנגװײל געפּיפן צו לבנה אין הימל
מיט פינגער מיט צװײ אין די מײַלער.

מעשׂיות דערצײלט זיך פון באַנדעס און הערשער,
װאָס שװערן אַ ליבע צו פרײַהײט מיט שבועות;
װאָס רײַסן די קײטן, װי שטרענגלעך פון קערש,
און שטאַרבן װי העלדן אויף תּליות!

מײַן פאָטער האָט גיפּטיק מײַן מאַמען מיט שׂנאה
געשפּאָט אין געזיכט: „װאָלט נישט גלײַכער געװעזן
אַנשטאָט אַזאַ קינד װאָלט דײַן שױס מיר געװיגן
אַ זשאַבע אַ פּניטע צו נערבן די קעץ אויפצופרעסן?

אָ, זע, װי ער שטײט מיט די צײנער פאַרקריצטע,
און בילט צו דעם װינט, װעלכער קלאַפּט אין די שױבן,
און ברענט מיט די אויגענעס פרײך װי אַ היצעל
און שרײַט צו דער נאַכט װי אַ מערדער און רױבער.

עס העלפט נישט קײן קלעפּ און קײן װערטער קײן האַרבע,
נישט גאָט און נישט לײַט װעט ער האָרכן און פאָלגן!
פאַרברענט פון זײַן אײגענעם צער װעט ער שטאַרבן
אין קײטן געשמידט אין אָסטראָגן!"

און איך האָב געהערט די שטראָף-רייד פון מיין פאָטער
און פעסטער צוזאַמענגעקריצט מיינע ציינער;
מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס שפּילט איצט אין קאָרטן
דער ווינט און ער שרייט אין דעם הימל דעם ריינעם

און שלײַדערט די שטערן, ווי גילדענע ריבלעס,
פאַרשפּילט צו אַ באַנדע פאַרשאָלטענע בריאות,
וואָס ליגן אויף בייכער, ווי איבערגעדרייטע מיסט-קיב'לס
אויף זומפּן, און לאַכן, אַז סציטערן פעלדער מיט תבואות.

און האָב אויך געזען דורך דער שויב פונעם פענצטער,
ווי ס'ווערט די לבנה פון צאָרן אַלץ גרעסער;
אַז נאַכט זאָל שוין ווערן אינגאַנצן שטאָק-פינצטער—
וועט ווינט באַלד דערלאַנגען לבנה אין האַרצן אַ מעסער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אָפטמאָל ביינאַכט, אַזאַ ווייטיקלעך-שטילע,
האָט ס'האַרץ מיינ'ס פאַרגאַפט, און די שטילקייט די בלויע,
מיין הפקר קאָפּ האָבן זילבערנע טולן
די שטערן געהילט ווי מיט זילבערנע טויען.

איך האָב אויף דער ערד אויף דער פייכטער געלייגט זיך,
די הענט—אויסגעשפּרייט, דאָס געזיכט אין דער ערד טיף,
און ביטער געוויינט... אַזוי בין איך געלעגן
און זיך אומגעקוקט, צי עמיצער הערט נישט...

ווען ס'זענען פאַרביי אַ פּאָר שעה און פון לאַנגען
געזעגנט האָט אַ ווינט, ווי אַ ברודער אין פּלייצע
געטאָן מיר אַ קלאַפּ — בין איך אויפגעשטאַנען
און ווייטער געגאַנגען ביי סאָדישע פּליסן.

אַז איך האָב געהערט, ווי עס גריסן מיך ביימער,
ווי זילבער אויף וואַכן אין פעלדער צעשאַרפן,
אַרויס פון מיין ברוסט אַ געשריי איז אין רוימען,
ווי ס'פליט אויס אַ קאָרק פון אַ פלעשל מיט בראָנפן.

אַז איך האָב געהערט, ווי עס שלוכצן ווי טויבן
די גלידער אין וואַרעמען לייב אויפגעזידטן,
און מיינע שיך, ווי די הינטלעך, זיי האָבן
די ערד לייכט געקושט מיט די טראָטן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיך האָט פאַרוויגט דער טרויער פון מיין היים:
דער רעגן, וואָס האָט נאַס געמאַכט דעם באַלטן,
די איביק-נישט-דערהייצטע כרובע פון געל ליים,
מיין טאַטנס איביק וואָרטשען, איביק שעלטן.

מיך האָט פאַרוויגט דער אומעט פון דער גאַס,
אַז כ'האָב אויף שילדן מיך געלערנט לייענען,
מיין מאַמע מיט איהר פּנים בלייך ווי וואַקס
זי האָט מיך אויסגעלערנט וויינען.

מיין פאָטער! אין דער ערד רוסטו אַצינד,
דיין דארער גוף אין שויס פון זאמד באַהאלטן,
ווי דיר איז אומעטיק דיין קינד,
און ווי דו בין איך שטענדיק גרייט צו שעלטן!

דו ביסט געווען אַ פּראָסטער ייד, אַ פורמאַן,
און פיינט געהאַט די לייט, וואָס זיצן אויבן אָן;
זיי האָבן דיר פאַרביטערט דיינע יאָרן,
דורך מיר, דיין הפקרדיקן זון!

אָ, כאָטש איך האָב געגעסן קעלבאַס שבת,
געחברט זיך מיט שקצים, גראָבע רייד גערעדט
און האָב פערמאָגט אַ שלאָק מיט ווייסע טויבן —
בין איך דאָך ווי יהודה הלוי אַ פּאָעט!

הלוי איז אין דייד און גאָלד געוואַקסן,
געשאָרן איז ער שטאַרבן אונטער פּאַלעסטינאַס זון,
און איך וועל לאָזן זיך צופוס קיין ווילנע
צו קושן אויף הירש לעקערטס גרוב די רויטע פאָן!

## דאָס ליד פון עלנטן

ווי אַ קראָ אַן עלנטע אויף שנייאיק פעלד
בין איך אויף דער טומלענדיקער. שוואַרצער ערד געקומען.
און אין שטאַרער פראָסט, אין ווייכער, ווינט אַרומגענומען
איז פון קליינערהייט געווען מיין היים און וועלט!

ציטערדיק, מיט רויטער, גליענדיקער וווּנד,
ווי אַ פויגעלע אַ קראַנקס האָב איך מיין האַרץ געטראָגן
און געבעטן פרייד פאַר אים, ווי בעטלער-קינד אויף ראָגן
און פון צער געזייט אין מיין נשמה בונט!

ווי אַ הפקר-יונג, פאַרלייגט אין פויסט די האַנט,
אָפט האָב איך די טעג פון לעבן מיינעם אויסגעפיפן!
און האָב אייביק נאָר געטראַכט פון ווייסע זעגל-שיפן
אַך, אַוועקצופאָרן אין אַ שטילן לאַנד!...

גאָט! איך ווייס, אַז אין אַ בלייכן שטאַם
פון אומרואיקן און מידן בלוט בין איך געבוירן
און וועל אייביק נאָך דעם רויש פון ווין און פרויען לוירן
און מקנה זיין יעטוועדן ווילסטן כאַם,

וואָס קען זיך אָנטרינקען אין דער בלויער קעלט
און פאַרזינקען אין דעם ווייכן שניי מיט אַלע גלידער
און איינשלאָפן ווי אַ פערד אַ זאַטער און אַ מידער,
אַ פאַרגעסענער פון אַלע מענטשן און פון גאָט און וועלט!

## עלעגיע

ווען ערד איז איינגעדרייפט אין זילבער־ווייסער פּראַכט
און מייזלעך פייפן אומעטיק אין נאָרעס,
דער הפקר־ווינט מיט שטאָלנע לונגען שרייט און בלאָזט
און שמייסט און בייטשט די ווייסע בוימער־קאָרצעס, —

וועל איך — אַ נאַקעטע מיין ברוסט, ווי אַ שאַמפּיאָן,
ארויס אויף ווייסן פעלד מיט גליענדיקע הענט.
וועל פראָסט מיין גאָלן לייב אַ זילבער־רייף אָנטאָן
און זאָל מיך וויכערן אַ גרויער סטעפּע־ווינט!

ווען נאַכט אַ שווייגנדיקע, שטילע, מידע
פאַרוואַרפן וועט אויף ווייסן שניי אַ בלויע שאַרף,
וועל איך פאַרקריכן אין אַ הונטס אַ בודע
אין ערגיץ אין אַן איינזאַם־איינגעדרימלט דאָרף.

עס וועט דער קודלוואַטער הונט מיט פייכטער נאָז
מיין צער דערפילן... וועט ער אין זיין קאַלט געצעלט
מיט פיס צערייסן ס'לעצטע ביסל איינגעשנייטע גראָז
און בילן, בילן, בילן אויף דער וועלט!...

## אַ ליד וועגן אַ גנב

ס'איז קאַלט געווען, די ערד ווי שטאָל און שניי — אַ הורמע
ווי ציינער פון אַ שטומען מויל צוויי ריגלען מורמלען,
און ס'עפענען זיך די שוואַרצע טויערן פון אַ טורמע.

און עלנטער ווי אַ היימלאָזער הונט אויף וועגן
זיך שלעפּט אָן ציל און בילט דער נאַכט אַנטקעגן
און ווייַנט אַריין אין ווינט און וויעט מיטן רעגן —

אַזוי מיט וויסטעניש אין אַלע זיינע גלידער,
דערפרוירן, אויסגעהונגערט און אַ שטילער, מידער
האָט ער זיך אומגעדרייט אין שטאָט ביי פלאָט און פליטער.

און קאַטאַרינקע אין די שענקן קלינג געקלינגלט!
אין קעלער־קנייפּעס שטאָט, טויז־רויט געטינגלט!
און פלאַש מיט ספּירט אין פענצטער רייצט און פונקלט.

אַ חאַרימקייט פילט ער פון הפקרמיידנס בריסטן,
אַ וואַרעם האַרץ אין שכורס כליניענדיק ג'ין וויסטן אַ ליד
אין וועלט זיך זידלען, ווי די שאַרפע רימענס צוויכטן.

און זיינע אויגן נעמען העלער, העלער טאָגן!
זיין בלוט נעמט אים אין ווייטקייט איבער גאַסן יאָגן
און זיינע פינף יאָר תפיסה הערן אויף צו קלאָגן.

עך! ווענען ס'האָט די וועלט אַזוי ווי מיך געשמיסן
און ווענען ס'האָט די טורמע-דיל דאָס לייב געביסן
און ווער עס האָט די האָר פון קאָפּ אויף זיך געריסן —

דער מוז מים אַלקאָהאָל דאָס האַרץ צום טויט פאַרטרונקען!
נישט זען, ווי אויסגעלאָשנע, ווייסע אויגן ווינקען
די שויבן אונטער קראַטעס, וואָס אין הויפנס שניי פאַרזונקען.

אויף אַ בוידעם האָט אים דער ווינט געבראַכט צו פירן,
ווו אויסגעשפרייטע העמדער וויגן זיך אויף שנירן;
און זיינע קאַלטע פינגער אין דער פינצטערניש באַרירן

די ווייסע וועש און פאַקן איין זיי פלינק אין פיבער...
ער שלייכט זיך שנעל אַראָפּ... אויף אַקסעל זיינעם איבער
בצוואָרבן ליגט אַ פּאַק מיט וועש פון פרעמדע שטיבער...

און אין דער זעלבער נאַכט, נאָך פאַר אויפברוך באַגינען
האָט ער אויפסניי אין אַלטער תפיסה זיך געפינען...
אַ גאַנצע נאַכט האָט ווינט געוויינט אויף צינען...

און מיטן ווינט האָט ער געקלאָגט, פאַרגאַנגען
אין טרערן אויף זיין לעבן... אין דער פרי אויף שטאַנגען
פון פענצטער-קראַטעס שטייף און קאַלט איז ער געהאָנגען.

און חער עס האָט געזען זמן בלייך געזיכט
און זמנע, ליפן פונם טויט פאַרברענט
און די אין צער צונויפגעקראַמפטע הענט—
זאָל גיין אין שול, שטעלן אַ ליכט
פאַר זיין נשמה, וואָס האָט לויכטן נישט געקענט

# איך בין

איך בין ווי דער שטורעם אַ ווילדער און אַ שוואַרצער,
און גלייך ווי דער ווינט איך פֿלי אין אַלע עקן וועלט,
מיט אַ שטערן וויין איז שטענדיק פֿול מיין האַרץ מיר
און עס איז אין מיר פֿאַרהאַן אַן אייביק בליענד פֿעלד.

ס'קייכט און ס'לאַכט אין מיר אַ הולטייס ווילד געלעכטער
און עס וויינט אין מיר אַ מאַמעס קלאָרע, ריינע טרער,
און עס ברויזט אין מיר דער צאָרן פֿון אַ פֿעכטער
און עס שרייט און ס'טאַנצט אין מיר דעם טייוולס אַ באַגער!

כ'שלעפּ מיין טאָג, ווי ווילדן אָקס מען שלעפּט ביי הערנער,
און פֿאַרגוואַלדיק אים זיין פֿלאַטערדיקע, העלע פֿרייד,
און דערנאָך אַ מידער, זאַטער רויער קער איך
אין מיין שוואַרצער, טאַנצנדיקער איינזאַמקייט

כ'גיי דער נאַכט אַנטקעגן מיט די בלאַנקע פֿיסן,
און איך טשאַטשע צו דעם הימל ווי אַ בייזער הינט,
כ'וויל אים פֿון די שטערן און פֿון בלוי ענטבלויזן
און דערזעען, ווי מלאכים באָבן זיך אין זינד!

עס זענען די ווענט פֿון וועלט פֿון מיינער ענג מיר
און דער וואָלקן פֿאַר מיין בליק צו נידריק זיך געפֿינט,
און אויף מיינע באַקן האָב איך טרוימען אויסגעהאָנגען
און איך שלאָג מיך שטענדיק אַרום מיט וויכער און מיט ווינט!

## גאָט, גיב מיר די רו!..

גאָט, גיב מיר די רו פון אַ שווייגנדן בוים,
וואָס שטייט זיך פאַרטראַכט אינם זילבערנעם רוים,
ווען ווינטן פאַרשלאָפענע רוען ווי קעץ

אין הימל אין זילבערנע וואָלקנס פאַרהילט.
גאָט, גיב מיר די רו פון אַ טייך, ווו עס שפּילט
זיך שטילקייט מיט זוניקע שטראַלן אַ נעץ.

גאָט, גיב מיר די רו פון אַ טויטנס געזיכט
מיט ציינער פאַרקריצטע, מיט אויגן אָן ליכט.
אויף מויל אַ פאַרגליווערטער שמייכל אַ לעצטס.

גאָט, גיב מיר די רו פון אַ שווייגנדן געץ,
וואָס שטייט זיך און גלאָצט צו דער וועלט ווי אַ פּץ,
ווען ס׳יאָמערט די מחנה און פאַלט אויף די קני.

## אויף דער גאַס

**1.**

האָס אַרט עס מיך, אַז כ׳דריי אַרום זיך אין די גאַסן
אָן טרער אין האַרץ, אָן פרייד, אָן גליק, אָן צער, אָן ווי
און טויב און פרעמד און ווייט קלינגט אָפּ יעדער געשריי
פון מענטש און הונט, וואָס גליטשן זיך אויף ברוק אַ נאַסן!

זאָל רעגענען אויף מיין געזיכט דעם מידן, שלאַפן
דער אומעט פון דעם הימל גראָ און שווער ווי בליי!
און איך זאָל שווימען אויף מיין עלנט, ווי אַ האַי
אַ טויטער אויף דעם ים שווימט ערגיץ צו אַ פוסטן האַפן!

כ׳וועל קומען צו אַ שטוב, וווּ קיינער איז פאַרהאַן,
אין וווּ דורך אויסגעהאַקטער שויב אין גרויען שפּאַן
עס פליט אַריין דער ווינט, וואָס רוי צעשאַלט איז.

וועל איך זיך לעגן אויף דעם האַרטן, טונקלען דיל
און ווייט פון אַלע מענטשן, רויק, רויק שטיל
וועל איך איינשלאָפן ווי אויף גרונט פון ים אַ וואַלפיש.

## געבעט

אין, קייטן שמידט מיך, רינגט מיך איין דיין שאָטן, שיינע פרוי
און וו איך גיי און וו איך שטיי—איך הער, עס ברויזט און ס׳קלינגט
צו דיר; אין מיין נשמה אייביק ברויזט און קלינגט און זינגט
די ליבע, וועלכע פייניגט מיך פון נאַכט ביז מאָרגן־גרוי.

איך וועל אַרויף אויף באַרג, וואָס טורעמט זיך אין הימל־בלוי
און שרייען, בעטן צו דעם אייביקן אַ טיף געבעט:
באַווייז אַלמעכטיקער, באַווייז מיר מיין געליבטע פרוי
אַ נאַקעטע ענטבלויזט פאַר מיר, דאָס לייב אָן העמד, אָן קלייד!

עס זאָלן אירע אויגן בלינד און אויסגעריבען זיין!
און אירע ווייסע בריסטן זאָלן הענגען געל, פאַרדאַרט,
איר האַנט זאָל ציטערן ווי שכור ביים לעצטן כוס מיט וויין!

איר יונגער גוף זאָל זיין צעקנייטשט, פאַרוועלקט און איינגעקוואַרט!
די ליפּן בלוי און דין, ווי מייז׳ס, דאָס מויל אַ לעערס, אָן ציין!—
אַ, אפשר וועלן מיינע קייטן דאַן צעפּליקט, צעריסן זיין!!



2.

איך טרונק מיין שוואַרצן טרויער ווי איינער אַ שכור,
וואָס איז פאַרכלינעט מיד פאַרגעסט ער גאָט און היים און וועלט,
צעריסן ליגט מיין העלע פרייד אויף טויזנט שטיקער
און כ׳טראָג אויף האַלדז די נאַכט, ווי בעטלער טראָגט אַ זאַק אָן געלד,

עס בלאָזט אויף מיין נשמה אַ האַרבסטיקער ווינטער,
און כ׳גיי זיך שטיל אויף גאַס שפּאַצירען, ווי אַ מענטש פון ליים.
איך בינד זיך אויס פון מענטשן־שטראָם און פלינקער, גיכער
וויל קומען איך אַצינד אין ליכטיקער און וואַרמער היים.

אומזיסט! אומזיסט! פון שטוב געמט שטאָט מיך ווידער לאָקן
און ווידער גיי איך, שפּאַן איך שטיל און מיד און פויל אין גאַס!
ווי טויטן־גרעבערס קלינגען אין מיר דומפּע גלאָקן
און הימל, מענטש און פערד—אַלץ קוקט צו, מיר מיט קאַלטן האַס.

ווי ס׳גלוסט זיך מיר פאַרבלאָנדשעט אויף אַ בוידעם ווערן,
דורך קליינעם פענצטערל אַ בליק־טון אויף דער וועלט, וואָס פּרשמר
זי רוישט און לאַכט. דערנאָך אויסוויינען אַלע טרערן
און זיך דערשטיקן מיט מיין אייגן העמד!

שטייף־רונדע קאַלטע בריסטן. אויגן בלישטשען מיט אַ גלאַנץ פון שטאָל.
די שטייט פאַר מיר ווי אויסגעהאַקט פון ווייס־בלויאָדערדיקן מאַרמאָר־שטיי
די שוואַרצע האָר פאַרוואָרפן אויפן נאַקן. אויף פאַרשלאָסנעם מויל
די זאַנפטיק־רויטע ליפן דעקן צו די ים־שוים ווייסע פערל־ציין.

איין פוס, אַ נאַקטער פוס מיט ראָזע נעגל איז אַפּוירגעריקט,
די הענט פאַרלייגט אין קרייץ אויף צאַרטן, ווייכן אָטעם־ציטערדיקן בוי
דער שלאַנקער, ווייסער שוואַנען־האַלדז אין ביידע אַקסלען איינגעדריקט,
דורך איידלער, בלייכער באַז לאַנגזאַם הויכט זיך אַרויס אַ גרויער, קאַלטער הוי

איר פנים שמייכלט נישט. דער בליק — אַ בלאַנקער שאַרפער שפּיז אויף אי
די לאַנגע שוואַרצע ברעמען וואַרפן אָן אַ לייכטן שאָטן אויף איר אויג.
איך קוש די ליפן איר, די ברוסט, דאָס לייב און אָטעם שווער און הייס
און זי — זי גיט שמייכל נישט אויף דעם געזיכט! קיין לייכטן ציטער נישט! קיין בוי

איך וויקל זיך אַרום די קאַלטע, שלאַנקע שנייאיק־ווייסע פיס
און ציִ זיך איין און ציִ זיך אויס פונקט ווי אַ ברענענדיקע הייסע שלאַנג
און אָטעם איין דעם קאַלטן דופט פון אירע שטייפע האַרטע בריסט
און ציטער, ציטער ווי אין ווינט אויף פעלד אַן איינזאַמער, פאַרגעסנער זאַנג

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זי נעמט פאַנאַנדער אירע רוי־פאַרפוילטע הענט
און נייגט זיך לייכט צו מיר און בויגט זיך מיטן האַלבן נאַקטן קערפּער איין,
מיט אויגן, ווו עס שימערט, פינקלט גרין דער שאַרפער שטאָלנער בלענד
מיט ראָזן דינעם שפּיץ פון קליינעם פינגער שטעכט זי אין מיין רוקן־בי

אַ שמאָלע, לאַנגע ריטשקע בלוט פאַרציט זיך אויף מיין ברוינעם לייב
און רינט אַראָפּ ווי רויטע קרעלן־שנור אויף אירס אַ ווייסן, קאַלטן פוס...
און ווי פאַר אַ פאַרצייטיקדיקן גאָט איך קני איצט פאַר דעם ווייב
און זי פאַרשווונדן פון אַ ווילדן ווין פאַרדרימל איך יסורימדיק און זיס



## צו אַ נעהאַנגענעם מערדער

דאָס מויל פאַרקרומט איז ווי אַ שפּאַנישער שטילעט,
די אויגן בליקן רוי ווי דייך תּליון ביי דעם שאַפּאָט,
ווי שטאָל די פויסטן צוגעפּרעסט — אין טויטן־בעט —
ליגסטו, אַ, כוליגאַן, און מאָנסט אַ שכר ביי גאָט!

אַ שכר פאַר דעם, וואָס שטורעם האָט אין ווילדע נעכט
געהוליעט אין דיין זעל, דיר אָנגעצונדן ס׳בלוט,
געשליידערט דיך אין ים פון צאָרן, האַס און וווּט
און אויף דיין מויל דיין מאַמעס ריינע מילך פאַרשוועכט.

אַ שכר פאַר טויזנט וווּנדן אויף די פיס און הענט,
ווען קלינגענדיקע קייטן זענען אויף דיין לייב געווען;
פאַר דעם, וואָס זון האָט יאָרן נישט דיין אויג געזען,
ווען אייביק האָט געהאַלטן דיך די נאַכט אין פענט!

מאָן, טויטער כוליגאַן, גערעכטיגקייט ביי גאָט,
ווייל בלינדע ווערעם אָן אויגן וואַרטן שוין אויף דיין געביין!
ביי אים אין הימל אויבן חסד און גענאָד,
מאָן, בלייכער מערדער, מיט פאַרקריצטע, ווייסע ציין!

# אַלטע קלײדער

1.

װי שטיל דרימלט אײן דאָס צימער אין דער פינצטערניש...
שויבן װערן בלויער... ס'פײפט אַ מײזעלע פון הונגער...
רואיק, ליב און זאַנפט עס שלאָפט די קאַץ זיך אויפן טיש.
אַך, עס איז מיר אומעטיק ביז בײסן זיך די פינגער!...

כ'עפן אויף די שאַנק און זינק אַרײן, װי אין אַ ניש
מיט מײן קאָפּ און אַקסלען... ס'גלעט בעזיכט פון סאַטינקער
און פון מושעלין די פרויען־קלײדער... װײכע קיש
פאַלען אויף מיר... װי אַ הינטעלע אַ יונגינקער

װאָלט אין אַלטע, ליבע קלײדער איצט געפּישטשעט שטיל —
אַזוי װײנט די טיר פון שאַנק און װיגט זיך הין־און־צוריק.
און די קלײדער שאָרכן, ריזלען, גלעטן װײך און קיל

מײנע הענט... די קנעפּ פון פּערלמוטער לײכטן אין
פינצטערניש פון שאַנק... אַטלאַס, זײד און הערמעלין
צערטליך, קושן זיך אין שטומען, שװײגנדיקן גליק...

2.

עך! װי איז מיר גוט אַזוי צו ליגן אין דער שאַנק
צװישן אַלטע קלײדער, װאָס ציטערן אין אומרו...
פינצטערניש זאָל שפּילן זיך מיט מיר אין „בלינדער קו",
זוכן מיך אַרום אין בעט און אונטער דער פּוירהאַנג!

ס'שלאָפט די מידע נאַכט אויף דעם קריסטאָלענעם פײענס,
אין דעם שפּיגל שפּיגלט זיך דער אומעט פון דער שטוב...
װי אַ דיקע פרוי איז אײנגעדרימלט די קרעדענס,
אָנגעטון אין בלויער קרעפּ איז דיל און דער פּאָלוס.

עס גלעטן מיך די קלײדער אַזוי הײמיש און באַקאַנט!
ס'דאַכט זיך מיר, אַז מײן געשטאָרבענע שװעסטער איז איצט דאָ
אין דער שאַנק און צערטלט מיר די האָר מיט װײכער האַנט...

אַזוי װעל איך ליגן, ליגן ביז צום װײסן טאָג
און אײנהערן זיך, װי רעגן לאַנגזאַם, לאַנגזאַם רינט,
װי עס קלאַפּט אין שויב, װי מיט אַ דאַרער האַנט דער װינט...

# באַלאַדע פֿון אומעטיקן קײסער,
# װאָס האָט געטאַנצט מיטן װינט

אַ זאַטער, מיד און פֿױל, דאָס דיקע לײַב װי טײג,
געלעגן אױף אַ פּערסישן דיװאַן איז שטיל
דער קײסער. זײַן געזיכט איז בלײַך; װי אין אַ שטײג
אַ לעאָפּאַרד, די אױגן פֿינקלען שפּיזיק, קיל
און קוקן גיפֿטיק צו דעם הימל, װאָס װי צײג
פֿון דינעם זײַד טוט אָן די װעלט אין בלױ אײַנהיל.

אין ציטערניש, אין גרױל ביז איבער קאָפּ פֿאַרדעקט
די דינער האָבן זיך אױף נעגל שפּיץ געדרײט
אין די חדרים, װוּ דאָס שװײַגן רוהט און שרעקט;
עס ציטערט נישט קײן שאָרך, קײן װערטער, רײד;
פֿינף הונדערט שאָטנס שטײף און אומבעװעגט
אױף דילן,—אױף פֿינף הונדערטס מײַלער הענגט אַ קײט

דער אױסגעשטערנטער מיט-נאַכט-הימל מיד
ער קוקט פֿאַרטראַכט אַרײַן דורך שױבס געשליפֿן גלאָז;
אַ שװערער, גרױער װאָלקן זײַן געזיכט פֿאַרציט
פֿון זאָרגן און ער ציטערט, ציטערט לײַכט װי גראָז
און פֿרעגט אין צער: אַך, װאָס װעט זײַן, אָ, װאָס!
דער קײסער איז זאַט!
דער קײסער איז זאַט!



און אױף דעם פּערסישן דיװאַן אַ בלײַכער ליגט
דער קײסער; האַלט דאָס פּנים אין די הענט און װײנט
פֿון לאַנגװײַל און װי עס װאָלט אים װער געשטיקט—
ער כאַפּט זיך בײַ דעם האַלדז און בלױ בעשײַנט
זײַן קאָפּ אַן אַבאַזשור און טונקל, טריב, געדריקט
געפּרעסט איז לופֿט אין חדר, װוּ דער קײסער װײנט...

זײַן אָדלער-נאָז זי ציטערט אױף אַ יעדע װײַל,
די קראַנקע ליפּן זענען װי פֿאַרשלאָסן, דין,
עס קרומט זיך אױס פֿון מידיקקײט זײַן שפּיצקער קין,
זײַן פֿינצטער אױג באַהאַלט זיך אונטער שטערן-הײל,
עס לױפֿט דער בליק אַרום נאָך שנעלער װי אַ פֿײַל,
פֿון זײַנע אױגן, װאָס דורך װימפּערן לױערן שאַרף און גרין.

עס שלײכט אױף נעגל צו צום קײסער ס'שענסטע װײַב.
די שװאַרצע לאָקן-האָר, דער גוף אין מור געשמירט.
דאָס צאַרטע, נאַקעטע און פֿולע ברױנע לײַב
מיט אײדל-שטײנער בלאַנק און בלישטשענדיק באַצירט.
די זינגענדיקע פֿיס זײ שװעבן װי אַ טױב,
װאָס פֿלאַטערנדיק אין יונגען טאָג זיך רירט.

אין טורקיס-שנור, רובינען-לאַנץ,
די היפֿטען גרינג באַװעגט,
מיט דינער שטימע פֿרעגט:
מײַן האַר, מײַן האַר—אַ טאַנץ?

דער קייסער הויבט די שווערע ברעמען אויף און ווי אַ קינד
גיט ער אין דעם פּאַלאַץ אַ ברום: זאָל טאַנצן דער ווינט!

פינף הונדערט קולות פון די דינער הויך
אָפּקלינגען אין חדרים, וווּ ווי מידע רינד
מיט באָרפוס־טריט שפּאַצירט אום דער אומעט בלייך;
דער עכאָ ציטערט, קווילערט אין דער לופט און שווינדט,
זיך לעשט אויף מירמעל־שטיין־דיל, וואָס איז גראָ ווי רויך;
דער קייסער זאָגט: זאָל טאַנצן דער ווינט!
זאָל טאַנצן דער ווינט!

צעוואַרפט מען גלייך דעם פלויט פון ווייסן עלפן־ביין
און מיט אַ גילדנער שטאַנג, וואָס איז אינמיטן לער,
אַרויסגעשטרעקט אין נאַכט אויף וועלט אין בלויען שיין,
געפאַנגען ווערט דער ווינט אין גילדנער רער;
אין אין דעם קייסערס פּאַלאַץ פאַנגט מען אים אַריין,
ווי מען טוט פאַנגען מיט אַ פּעטליע־נעץ אַ בער.

אַ ווייַנענדיקער קומט אַריין דער ווינט אין פאַנג,
און שעלט און שרייט און כעסט און וואַרפט און בייזערט זיך,
און זע! —מיט דין־בראַבאַנדער זיידענער פּאָרהאַנג
פון פענצטער נעמט ער טאַנצן, טאַנצן שנעל און גיך
אַ טאַנץ אַ נאַרישען אַזאַ, און קלאַנג נאָך קלאַנג
פאַרלירט זיך אין דער לופטן, ווי מיט גאָלדענע שיך

וואָלט ווער געטענצלט אויפן דיל פון שטיין־טעמפּל.
דער קייסער לאַכט—און זע!—ער שטייט אויף פון דיוואַן,
די שוואַרצע האָר צעשויבערט, ס׳מידע פנים בלאַס,
ווי אויף שטילן טייך ביינאַכט אַ בלייכער שוואַן.
ער בויגט זיך איין און טאַנצט מיט מידן גוף, זיין כעס
פאַרשווינדט. ער טאַנצט. די שטאַנג זי קלינגלט: גלין און גלאַן!

און די לבנה איז פאַרגאַפט:
דורך שויבן־פאָרהאַנגס האַפט
זי קוקט אַריין און לאַכט:
אַ מאָדנע, מאָדנע נאַכט —
דער קייסער טאַנצט מיט ווינט!
כאַ־כאַ!
דער קייסער טאַנצט מיט ווינט!

# הימן צו דער פויסט

זיי האָבן שמייכלען ליכטיקע דזשאָקאָנדעס
און קלוגע רייד און שיינע ווערטלעך האָבן זיי,
אין טאַנצנדיקע שפּילעוודיקע ראָנדעס
באַוועגן זיי זיך לוסטיק, פרייליך, פריי.

און איך האָב צער פון ברוסט פון וועלט געזויגן
און בלייכער עלנט שרייט אויף מיין געזיכט ענטבלויזט,
ליב איך דעם בלישטש אין הפקר-יונגענס אויגן!
ליב איך דעם הילך פון ביינערדיקער האַרטער פויסט!

ווען אָוונט שרייט אין אויסגעלאָסנע אָרגיעס
און זינד פאַרקנוילט דעם מאַן אין אָרעמס פון דעם ווייב —
זאָל שלעגערס האַרץ אין שוואַרצן האַס זיך וואָרגן,
זיין פויסט זאָל קנעטן זיך אין צאַרטן מענטשן-לייב!

אַז ס'שימערט גאָלד און ס'שוימט זיך ווין אין בעכערס,
ווען קינדער שרייען: מאַמע, מילך, אַ שטיקל ברויט! —
זאָל אייך די פויסט די ציין ווי גלאָז צעברעכן
און אויף דעם מערדערס מויל זאָל גליען בלייכער טויט!

# אַ באַלאַדע פון אַ פערד

אַן דאָרף שלאָפט אין שעה'ען אין נאַכטיקע שטילע
האָט אַ פערד מזנה געווען אַ קאָבילע.

---

אין שטאַל אינ'ם פייכטן ווילד-קרויט פון פעלד
אַרויס איז אַ פערדל אַ נאַסער אין וועלט.

געזויגן די אייטערס אַ חודש צי צוויי
און מאַרש איבער פעלדער, פאַרוואָקסן אין שניי!

געקומען מיט פויער אין מאַרק פון דער שטאָט.
ביי וועגן פיל פערדלעך, געבינדן ביים ראָד.

די מאָרדעס פאַריסן, מיט ווידלען אַ דריי —
צוזאַמען געהירזשעט אַ פערדישן ווײ.

אַ פויער, זיין נאָז פון דער פראָסט איז פאַרברענט,
גערעדט האָט, געהאַנדלט, געפּאַטשט מיט די הענט.

שוין! ס'פערדל מיט גזשיווע אין לאָקן פאַרקעמט,
עס שפּאַנט מיט אין טרויער, פאַרקויפט אין דער פרעמד.

עס ציט זיך דער וועג אַזוי ווייט, אַזוי ווייט!
דער פויער און ס'פערדל אויף ווייס ווערט פאַרשניים.

אין דער שטאָט אויף די גאַסן אַ פעליקע וואָך
אַ וואָגן האָט ס'פערדל געהאַלטן אין יאָך.

די אויגן פאַ־צויגן אין טרערן־וואַל,
עס גייט אויס פון בענקשאַפט צו מוטער אין שטאַל

אויף גאַסן פון שטאָטישן עלנט, אָ, הער,
ווי ס׳זידט איין אין שניי אַ בהמה׳שע טרער

איינמאָל אויפן ברוק, וואָס מיט ווייסקייט באַצירט,
עס שטעלט זיך דאָס פערדל, פון אָרט זיך נישט רירט.

אַ בייטש, אַ געשריי און אַ קללה זיך הערט.
ס׳פערד פינטלט מיט אויגן און פאַלט צו דער ערד.

אויף ריפּן אַדאַמף, ווי פון פערל־טוי רוהט.
די אויגן פאַרגלייזטע, די מאָרדע אין בלוט.

---

און ערגיץ אין דאָרף ווייט אין שעה׳ען אין שטילע
געקלאָגט אין דער נאַכט האָט אַן אַלטע קאָבילע.

# אַ היינטישע געשיכטע

דער הינט האָט די אויערן פאַרשפּיצט,
די מאָרדע פאַריסן און ווילד
מיט שניי־ווייסע ציינער פאַרקריצט
צום פראָסטיקן הימל געבילט.

מיט בענקשאַפט אין אויגן געבליצט,
מיט לאַפּעס די ערד אויפגעשאַרט,
דאָס האַרץ זיינס אין תאוה דערהיצט —
אויף ענטוועך פון ערגיץ געוואַרט.

אַרויס פון איר נעסט איז די צויג,
די צונג האָט געגאַוועט איר קייט,
אין לופטן דעם האלדז אויסגעבויגט—
געגריסט צו איר סקיט פון דער ווייט.

אַז סקיט האָט דערהערט נאָר איר שטים,
געטאַנצט האָט ער באַלד אויפן גראָז,
משוגע געטוען א זשים
און הינטישע טרערן געלאָזט.

---

צוועלף יאָר האָט פאַרנומען דער חינט
ס׳געחיין פון צחיי עלנטע הינט.

צוועלף יאָר האָט די דאָרפישע ערד
צחינטישע בענקשאַפט געהערט.

אויף ביידן אַ קיים האָט געחאַכט,
געקלינגלט בייטאָג און ביינאַכט.

פאַרקלינגלט דעם צער פון די הינט
װאָס האָבן מיטאויגן געפינט
און זומערדיק זאַנגען-געבלים,
און חינטערס שניי-חייסן צווים.

צוועלף יאָרן געגליסט פון דער חיים,
געביסן, געשאָלטן די קיים.

ביים שײַן פון לבנה, און זוניקן ליכט
געענקט צו דערזען דעם צחייטנס געזיכט

———



איינמאָל אין אַ טאָג האָט חירט יאַן
די סוקע באַפרייט פון דער קייט.
„דו האָסט שוין אין מויל נישט קיין צאָן
און עסט מיר בחינם דאָס ברויט".

ס׳האָט רידקאַ׳ן, אָ, גאָרנישט געפאַרט,
חאָס אייביק פאַרלירט זי די היים;
אויף שוואַכינקע פיס זיך געשאַרט
צו סקיט אין דער בודע פון ליים.

אַז סקיט ט׳זי דערזען פאַר זיין טיר,
פרעמד האָט ער געדרייט מיטן עק:
„חער ביסטו, דו אַלטע, דו הור?
שנעל פּאַק דיך פון דאַנען אַוועק!"

ס׳האָט רידקא קיין וואָרט נישט געזאָגט,
אַ טרער בלויז געלאָזט אויף דער ערד;
דאָס הארץ האָט אין איר שטיל געקלאָגט,—
און שנעל זיך פון אים אָפּגעקערט.

———

באַגינען אין פרימאָרגן-רויט,
דער האָן האָט אַ דריי מאָל געקריים,
איז רידקא דערחאָרגן און טויט
געלעגן דערנעבן אַ פּלויט.

## שניי

איך טרונק מיט אויגן די העל-בלויע רו פון פריש-געפאַלנעם שניי
און זויג איין לייכט אין מיר דעם שטילן זיידן-ווייכן שורך
פון ווייסע שנורן אין דעם שנעלן ווירבלדיק געדריי
פון שניי און ווינט, וואָס לויכטן קלאָר דעם בלויען אָוונט דורך.

עס זענען מיינע אויגן וווּנדן!.. אַלץ, וואָס כ׳זע איצט, טוט מיר וויי!..
דער לייכטער שניי ער קילט מיין ברענענדיק-צעלאָזן האַרץ,
און מיינע פיס זיי שוועבן גרינג אויף אַספאַלט, שטיין און ערץ
פון טראָטואַר, וואָס בלענדט מיט וואַסער מויערן-ריי.

זאָל אייביק אַזוי פאַרלען זיך דער בלויער ציטערדיקער שניי!
און אייביק זאָל מיך לייכט פאַרוויגן ווייסע שטערן-נאַכט,
מיין לייכטער אָטעם זאָל צעפאַרלען זיך, אָ, לייכט און זאַכט!

אָ, לעש נישט אויס, מיין ציטערדיקע, שטילע, מידע קלאָרע פריד!
און לויכט ווי העלער שניי אין מיין צעזינגענעם געמיט!..
ווי ווינט, ווי הויך, ווי קוש, אַ וויג מיך, וויג מיך מיט!..

## אוועק!

עס לאַכט און ס׳קלינגט אין מיינע אויערן ווי אַ ווילסט און כליפּענדיק געלעכטער
דעם אָוונטס ווייטער גאַסן-ליאַרעם פון מענטשן-גאַנג אין טראָטואַרן-שפּאַן
און חוצפּה׳דיק געפאַרבט, געפּודערט ס׳מידע פּנים מיט עלעקטרי-ליכטער
גלייך ווי אַן אַלטע זונה שמייכלט איצט די שטאָט און שפּילט אַ באַלאַגאַן!

וואָס אַרט עס מיך, אַז בלייכער ווינטער-הימל הילט די וועלט אין ווייסע בענדער
און אַזוי לאַנגזאַם שטיל און ווייך פאַלט איצט אַ בלויער שניי אויף וועלט?
ישראל ראַבאָן! אָ, נעם דיין עלנט אויף די פּלייצעס דיינע, ווי זיין קינד דער
ציגיינער נעמט און טראָגט אויף אַקסל איבער שטאָט און דאָרף און סטעפּ און פעלד!

וועסט גיין און שלעפּן זיך אַ מידער איבער שטעג אין וועג און ווינט און שנייען
און קומען ערגעץ צו אַן אַלטער שטאַל, וווּ חזירים און קעלבער, פערד און קי
מאַלגיירן אין די דייזשעס און צעמעקן זיך און הירזשן, שרייען
אַריין אין דרימלענדיקן, שלאָף געקושטן דאָרף צו הינט און קראָ און פי

און וואַרפן זיך אויף בוידעם פונם שטאַל אין צווישן בינטלעך האָבער היי און
אויסטון אין איילעניש די שיך און זאָקן און זיי וואַרפן צו דער ערד,
און קוקן דורכן קליינעם בוידעם-פענצטערל, ווי ווייסע לאַנגע רייען
פאַרשנייטע, פראָסט באַפּעלצטע בושאַזע-ביימער בריגן, ציטערן פאַרפרערט

און וויסטן ווינט געבייסטש אין שטילן, דרימלענדיקן שלאָף-באַהויכטן דאָרף, וואָס
פאַרהילט ביז איבער קאָפּ אין ווינטערדיקער שטילקייט, טוליעט זיך צו זיך;
דערנאָך אויפכאַפּן זיך און פריי און ווילעריש און הפקרדיק און באָרפוס
מיט באַלעס פונם ראָק פאַרבויגענע, פאַרשאַרצט, אַ טאַנץ טון ווי אַ שד, אַ רוח!

און שעפּס און פערד און קו און קאַלב און קראָ און חזיר וועלן קראַקן, מעקן,
און דו וועסט טאַנצן אויפן בוידעם לאַנג, אָ, לאַנג, פון קיינעם נישט געשטערט;
דערנאָך וועסטו מיט פראָסטיק-קאַלטע בינטלעך האָבער, היי דאָס לייב פאַרדעקן
און שטיל איינשלאָפן אויף געלעגער ווי אַ מיד און אָנגעגעסן פערד!

און דו, ראַבאָן, וועסט שלאָפן אויף אַ בוידעם מיט דיין עלנט, ווי אַ פעלז שווער,
און שפּילן דאַרף וועט פויער שלעפּריק שפּילן אויף אַן אַלטן שפּיל-אָרגאַן,
און שיקסעס מיט פלאַם-רויטע סטענגעס אין די צעפּ און קרעלן אויף די העלדזער
און כאַטע וועלן ערגעץ לאַנגזאַם זינגען פ'ליד פון דעם געהאַנגענעם האַן...

## געבעט אויף רו

גאָט!
דו האָסט געזען די זון פאַרגיין אין מיר.
דו האָסט געזען, ווי ס'בלוט שלאָפט איין אין מיר.

דו האָסט געזען, ווי ס'האַרץ מיינס ווייגט אין מיר.
דו האָסט געזען, ווי ס'קלאָגט די וועלט אין מיר.

דו האָסט געזען ווי ס'שטאַרבט מיין פרייד אין מיר
דו האָסט געזען, ווי דו אַליין גייסט אויס אין מיר

דו האָסט געזען, ווי עמיץ לאַכט אין מיר,
אַ פּוסט געלעכטער עמיץ לאַכט אין מיר.

דו האָסט געזען דעם הפקר-ווינט אין מיר,
וואָס וואָיעט ווי אויף האַרבסטיק פעלד אין מיר.

דו האָסט געזען, ווי יעדעס גליד אין מיר
וויל רו, וויל שלאָף, וויל אייביק רו אין מיר.

גאָט!
איך האָב גאָרנישט פאַר דיר געגרייט אין מיר
ווי אַ געשאָכטענע טויב שפּייט גרייט דאָס האַרץ אין מיר

אָ, נעם מיין האַרץ צו דיר, לאָז רו אין מיר,
פאַרוויגן צו אַ זאַנפטן טויט מיין זעל אין מיר!

## נרוים־שטאָטישער אָוונט

אָוונט. שטערן פינקלען. לאָמפּן. ליכט און גאַז.
מענטשן איינגעהילט אין טונקלען שיין. ווי'אַ שפּין
וואָלט פאַרפלאָנטערט מאַן און ווייב. אויף ווייטער גאַס
פערד, אויטאָ לויפן, גליטשן זיך אויף ברוק אָן זין.

שמייכלען פון געזיכטער פאַלן איצט ווי שניי.
אַ געפּודערט פרויען-לייב אין זייד, ציטרינען-גרין,
ציט אַ שלאַנג פון אָוונט-פרויען און נאָך זיי
גאַסן-וואַנדרער שפּאַנען מיט אָן אַ וואוהין.

טויזנט קינא-לעמפּעלעך באַפּלאַסטערן די נאַכט,
ווי פּילפאַרבקע בלומען טולפּן, רויזן און יאַשמין.
ווי אַ כוואַליע אָטעם, לאַנגזאַם און באַזאַכט
קייקלט זיך די תאווה גאַס-אַהער און גאַס-אַהין —

באַט ווי [illegible] [illegible], בין!

## בלוי

אַ בלויער אַבאַזשור... אַ בלוי געזיכט האָסטו...
דו שפּילסט... און איך און שטילקייט הערן, הערן...
דו שפּילסט... די קלאַנגען ציטערן די העלע רו...
דורך פענצטער קוקן טויזנט אויגן—שטערן...

אַ בלויער אַבאַזשור... אַ בלוי געזיכט האָסטו...
און בלוי און העל נעמט זיך אַ לאַנד אויסשפּרייטן...
און שטילער, שטילער מאַכן זיך די ברעמען צו...
און נאַכט פאַרהיגט אונז אין די בלויע ווייטן...

## אַ ליד פון די פאַרשאָלטענע קאָרטן.

דאָס איז געווען איינמאָל ביינאַכט. ווען איך
געווען פאַרזינקען בין אין שווערן שלאָף
דערהער איך פלוצלונג קלאַפּן אין דער טיר:

— מאַך אויף!
— מאַך אויף!
און שווערע לונגען סאָפּען ווי אַ טיער.

ווער איך דאָך בייז בלויז פון אַזאַ געשריי
אַזאַ געקלאַפּעריי,
אַזאַ חוצפה'דיק און דרייסט און פרעך —
דריי איך מיך איבער אויף דער צווייטער זייט
און דעק מיך איבער מיט דער פוכ'נער דעק —
זע איך דורך דעם פענצטער בלישטשען אויגן גרין, ווי מאָך.

דערקען איך באַלד דעם גאַסט און גיב אַ שפּרינג
אַראָפּ פון בעט און פראַל ברייט אויף די טיר.
קומט אַריין
איינער מיט אַ גרינעם גלאַנץ
אין גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן,
און אויף דער לאַנגער שפּיץ פון נאָז אַ [illegible]



פון דיינעם גאָלד און וואָנסעס, ווי די שוועבעל
פון מייז
און אויף די קניע — צוויי [illegible],
די טויז אייכל און די טויז שעל
אין שיך פון ליאַק מיט לאַנגע נעז
די גאָמבע שפּיציק, ווי ביי קיניגלעך און [illegible],
און אונטער אַ לאַנגען שוואַרצן פראַק
באַהאַלטן איז דער עק.

קומט ער אַריין און טוט אַ לאַך, אַ זשום
און שוין — ער זיצט בריות אויף דער שאַנק
און מיט אַ וואַלדיש־ווילדער שטים
הויבט ער אָן צו זינגען אַ מאָדנע־מין געזאַנג:

פיידולי, פיידעלי,
היבלע, היבלע — צי
איבער דאָמב און איבער סענק
איבער טיש און איבער בענק
פיידולי, פיידעלי
היבלע, היבלע — צי.

האָב איך מיך לאַנג און ברייט אויפס קול צעלאַכט,
האָט דער טייוול אויך גענומען לאַכן אויף דער שאַנק
און ווידער זינגען אָנגעהויבן סימאָדנע־מין געזאַנג:

באַלד קריכט דער טייוול פון דער שאַנק אַראָפּ
און מיט אַ לאַכנדיקן און באַוואַקסן=ווילדן קאָפּ,
מיט בלישטשענדיקע אויגן, גרין ווי גראָז,
טוט ער צו מיר אַ זאָג: „דו מאַכסט אַ שטאָס?"

זאָג איך: „דו מיינסט, דו ביסט דער טייוול,
פאָרכט איך זיך פאַר דיר?
איך שפּיל מיט דיר אין קאָרטן ביז באַגינען".
טוט ער אַ שאָקל מיט אַ דינעם וואָנסע=שפּיץ.
צעפליען קאָרטן זיך אין שטוב אַ גאַנצער טוץ.

זיי פליען אין דער לופט אַרום, ווי בינען.
דער מלך גרין, די מלכה שעל זיך דרייט און דרייט
און רוישן, זומען, ווי דער ווינט אויף פעלדער ווייהט,
ווי אַ וואַסער=מיל אויף ריזלענדיקע שטיינער בייט,
ווי אַ שניי, וואָלט שאָרכנדיק געשנייט
זיך דרייט און דרייט
דער וואַלעט שעל דער אויבער פּיק אין רונדן ראָד
עס טאַנצט דאָס ניינטל רויט מיט מלך רויט אין קאַראַהאָד.

די אויגן פון די קאָרטן זענען ליכטיג העל.
עס לויכטן פיר קאָלערן: רויט און אייכל, גרין און שעל.
פּלוצלונג גיט דער טייוול אַ געשריי:
שטיי!
הערט באַלד אויף דאָס לוסטיקע געדריי



און גלייך ווי געשאָסענע פלי=פיש
פאַלן די קאָרטן אויפן טיש.

זעצט זיך ביי דעם טיש דער טייוול צו און איך
און גיט אַ מיש מיט דאַרע פינגער, פלינק וואַ׳ רוח.

זע איך אין דער קעשענע, אין דער פינצטער, אין דער בלינק
עפּעס קליינגעלד, עפּעס מינץ —
דערזע איך באַלד דעם טייוולס קינץ:

עס בלישטשעט גאָלד שטאָטס קופּער=שטיקלעך
און זילבער בלישטשעט אָנשטאָט ניקל.

איך שפּיל.

דאָס זילבער, גאָלד אויף טיש פאַרלייגט.
דער באַרג אַלץ העכער ווערט און העכער שטייגט.
די בלויקייט פון דער נאַכט פאַרמישט זיך דעם בלישטש
פון גאָלד און ס׳טאַנצן פון די רענדלעך מישט זיך מיט דעם שווישטש
פון וויכער דרויסן און פון זילבער דאָס געקלינג
מישט זיך מיט דעם שטילן גרילצענדיקן זינג
פון ווינט אויף פענצטערסביידל=צינק.

מיט איינמאָל בויגט זיך אָן דער טייוול צו מיר און ער זאָגט אַזוי:
דו ווילסט אַודאי זען היינט מיין פרוי?
און איידער וואָס און איידער ווען,
ס׳איז שוין געשען.

דאָ שטייט אַ וווּנדער־שיינע נאַקעטע נקבה אין מיין שטוב.
די בריסטען אירע זענען איידל־ווייס, די אויגן קוקן מילד און ליב.
די טאַליע אירע — דין און בויגעוודיק און שלאַנק,
די שוואַרצע האָר צעפלאָכטן ביז צום אונטן לאַנג.

די פיס צוויי זינגענדיקע שוועבנדיקע פיס
די פינגער פון זיי אָנגעטון אין דיאַמאַנט, רובין און טורקיס.
די אויגן־אַפּלען שוואַרץ ווי טויזנט קלאַפטער תהום אין ערד,
אַ שמייכל שווימט אַרום אין זיי, וואָס לאַכט און זינגד באַגערט.
איר לייב, איר רייצנד לייב איז אויסגעשמירט מיט מור,
זי שטייט זיך אונטער טייוולס פלייצע און זי לאַכט צו מיר אַ פויר.

איך שפיל אין קאָרטן אין דער בלינץ
און פאַרשפיל
דאָס זילבער און דאָס גאָלד,
דאָס קופער און דאָס מינץ,
דאָס ניקל און דאָס מעש —
און די נקבה שטייט אַלץ און לאַכט.

איך שפיל אין קאָרטן און פאַרשפיל
דעם ראָק און דאָס העמד,
די שטוב און דאָס בעט,
דעם הוט און די שיך —
און די נקבה שטייט אַלץ און לאַכט.



איך שפיל אין קאָרטן און פאַרשפיל
די שאַנק און די טיש,
די שטאַל און דאָס הויז,
דעם פאָל און די ווענט —
און די נקבה שטייט אַלץ און לאַכט.

איך שפיל אין קאָרטן און פאַרשפיל
די ערד און די וועלט,
דאָס לייב און די זעעל,
דאָס האַרץ און דער קאָפּ —
און די נקבה שטייט אַלץ און לאַכט!

איך שפיל אין קאָרטן און פאַרשפיל
דאָס אויג און די באַק,
די פיס און די הענט,
די האָר און דעם שטערן, —
און די נקבה שטייט אַלץ און לאַכט!

און אַז איך בין אינגאַנצן שוין געווען פאַרשפילט,
האָט דער טייוול איינגעפּאַקט מיך אין אַ זאַק
און מיטגענומען מיך אויף די פלייצעס און זיין אויג ווי לייכט
עס בלישטשעט אין אַ פינסטער פרייד פאַרהוילן

בין איך אין דער נאַכט געפלויגן,
ווי דער בליק פון טייוולס אויגן,

איבער טאָל און איבער פעלד
איבער ווייטער, ווייטער וועלט.

פלי איך איינגעלייגט אין זאַק וו'א רייטל
אויפ'ן אַקסל פון דעם טייוול.
פלי איך ווייס אָן סוף
און דרימל איין אין שלאָף

און דער טייוול מיט די רענדלעך קלינגט
און די טייוולטע זי זינגט:

פיידולי, פיידעלי,
היבלע, היבלע, היבלע—צי
איבער דאָמב און איבער סענק
איבער טיש און איבער בענק
פיידולי, פיידעלי...

---

# ליכטיקער מאָרגן

מאָרגן.
מיט דעם קאָפּ שניידט איך אין טאָג.
די זון רינגלט מיך מיט רייפן גאָלד
און שפריצט מיר הימל אין דעם אויגן

די פעלדער בליען,
ווי בריסטן פון ערשט-חתונה-געהאַטע ווייבער,
און ביז צום וואָרצל פון זאַנג
דעם טאָגס אָטעם דערגרייכט
און מיך אַליין זע איך
א ליכטיקע מאַסע מיט פרייד,
וואָס שניידט מיט דעם קאָפּ אין דעם טאָג.

# פוילישער האַרבסט

די טויטע שפּיגלען בלישטשען וואַסערלעך באַשטאַנענע אויף פעלד,
ערד-הויקערס שוואַרצע ססאַרן, בליקן אין דער וועלט.

צוויי קי שפּאַנען לאַנגזאַם אויפן גראָזגען פלאַך.
און טויבן פלאַטערן טרויעריק אויף אַ כאַטע-דאַך.

דער ווינט זיך דרייט אַרום גלייך ווי אַ פרעמדער גאַסט,
הימל הענגט אַ שמייכלענדיקער ראָז-פאַרבלאַסט.

אַ ווינטמיל דרייט די פליגל, ווי אַ שד
וואָלט אייביק מיט פיר הענט געווינקט, גערעדט.

די בוימער אין דעם טונקלען קעגנאיבערדיקן וואַלד
ענטפערן אָפּ אים מיט אַ פייף און שווייגן באַלד.

# איז געווען...

יז געווען ווייסע נאַכט. די לבנה האַלב
צעבראָכנער רינג האָט אין הימל זיך געגליטשט.
טייך האָט מיך געדרימלט. ערגעץ האָט אַ שוואַלב
ש-געטון אין שלאָף ביים ברעג מיט פליגל און אַ טשוויטש
אָפּגעקלינגען אין דער שטיל און אָפּגעשטאָרבן אויפן פלאַך
דימלענדיקן טייך
שטיל און ווייך.

ל האָט אין קרייזלענדיקע וועלן אויפגעשנורלט רונד ווי רייפן
ידע, שטילע איינגעטונקען זיך די קעפּלעך האָבן צווייגלעך
עם שלאָפנדיקן וואַסער, ווי אין שפּיגל, און אין שיפל איז געזעסן
און דאָס קליינע מיידל.

ט זיך פעסטער איינגעהילט אין בלויען כולן שאַל
יר ווייס פּנים האָט אַרויסגעקוקט פון דין געווע
פון אירע גרויסע אויגן האָט אין נעפּל
געבליקט דער אומעט פון ליידיקע פלאַשן ווייַן
שטייען אויף די פענצטער פון פאַרדרימלטע שטיבן.
מען שלאָפט ביז עלף און צוו [illegible] בייטאָג.

זי האָט געזאָגט:
לייען אַ ליד.

איך האָב געלייענט
מיינס אַ ליד,
װאָס כ׳קען פון אויסנווייניק,
און געהאַלטן אירע ווייסע הענט.

און אירע גרויסע שוואַרץ-געשמינקטע אויגן
און אירע פּאָמאַדירטע ליפּן, ווי רובינען-רויטע צירונג,
אויף מיר געזיכט,
האָט געקושט די נאַכט

איך האָב געלייענט.
און די לבנה האָט אויף שוואַרצן קאָסטיום אירן
אַ ווייסן פלעק געוואָרפן
און דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט טראַלין
פון איר העל-בלויען טולענעם שאַל
און איר געפּודערט פּנים
האָט אַרויסגעקוקט אין טונקלער נאַכט
אַזוי ווייס, אַזוי בלייך,
און דאָס שיפל האָט זיך געוויגט, געוויגט...

## פּאָרטרעט פון בוכהאַלטער ב. ג.
## וואָס שפּילט אויף אַ פידל

אַלע סודות שוין אָנטפּלעקט,
אויסגעמאָסטן ס׳גליק פון גאַס,
טויט דערשטיקט דאָס פרייד-געפיל
האָט אַן אייגנער פּיין און האַס.

לאַך איך ווי דער ווינט אויף אַלץ.
העי, איר ברידער, זאָגט וואָס נאָך?
גיס איך בראָנפן אויפן האַרץ —
טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך!

כ׳קום אַהיים פון דער פאַבריק,
נעם דאָס פידעלע—מיין פריינד,
לאַכט מיין בעל-הבית׳טע: „זעטס,
דער אַלטער בחור טרינקט און שפּילט און וויינט“

## ...ענן מיין זיידן און וועגן מיר

מיין זיידע איז כל-ימיו אַ בדחן געווען,
זיך בראָנפן געזיפּט און גראַמען געפּלעכט,
אַ פליגל געבראָטנס, צוויי חלות מיט מאָן —
אַזאַ שכר איז געווען פאַר אים רעכט.

און ער און דער שמש פון פּשיסוכער שול
זיי האָבן ביידע קיין קאַפּאָטע קיינמאָל באַנייט.
און ביידן צוזאַמען האָט ס׳שטעטל כּעטשען
געהאַלטן פאַר איבעריקע לייט.

מיין זיידע האָט דעם שמש אַ טרונק בראָנפן דערלאַנגט,
גע׳כּוס׳עט, געשאָלטן די אײדעלע בערד;
דערציילט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ פילוסוף,
וואָס טענה׳עט, אַז דרעק איז דער מענטש
און פון דרעק איז די ערד!

און איך הייס שוין כלומרשט באַלעזענער מענטש,
שפּאַציר מיר מיט דאַמען און רעד וועגן קאָנט,
און שמועס וועגן קונסט, ווי מיין זיידע פון באָד,
און פוץ מיר די שיך, ווי אַ דענדי, אַ פראַנט!

פונדעסטוועגן טרעפט אַזוי איינמאָל פּאַרנאַכט,
איך ווייס נישט פון וואַנען—מיר ווערט עפּעס באַנג.
דאַן לויף איך אַריין צו ר׳ שאַיען אין שענק,
און טו אַ געשריי: אַ טרונק בראָנפן דערלאַנג!

און גלעזל נאָך גלעזל פאַרשווינדט אין מיין קעל.
און כ׳נעם גראַמען אַ ליד פון אַ וועלט, וואָס איז דאָ,
אַ ליד פון פאַרנאַכט, ווען היינט וויינען פון צער,
ווען ס׳וויינט אין מיר ס׳האַרץ און עס וויינט יעדע שעה!

אַ ליד פון אַמענטש, וואָס ווייסט נישט אַליין,
צו וואָס ער איז דאָ און וואָס ער באַגערט,
וואָס דרייט זיך אַרום ווי אַ ווילד-פרעמדער גאַסט
אויף אונזער פאַרשאָלטענער ערד.

אַ ליד פון אַ מענש וואָס פאַר וואָרימער האָגנ
אַוועק גיט ער אַלץ, וואָס ר׳פאַרמאָגט,
וואָס בעט אינם טאָג: אָ, זאָל ווערן שוין נאַכט!
ביינאַכט: אָ, זאָל ווערן שוין טאָג!

אָ, זיידע, מיין זיידע, מיין אָרעמער זיידע,
און שמש ר׳ זאַנוול פון פּשיסוכער קלויז,
פאַר אייך, נאָר פאַר אייך איז דאָס ליד,
וואָס איך שרייב דאָ,
פאַר אייך טרונק איך איצט אויס דעם זיבעטן כּוס

## כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב צו גיין פארנאכט אין בלוי־געהילטן אָוונטס לייכטן שלייער,
ווען ביימער שטייען אָנגעטוי אין אוירינגלעך פון בלישטשענדיקן רעגן.
האָב איך דעמאָלט ליב צו גיין אין ערגיץ אין אַ פייכטלעך־וואַרעם שייער
און קוקן שעהן אין בהמה׳ס גרויסע אומעטיקע אויגן!..

און זעען, ווי אין פינצטערניש עס עפנט זיך אַ פערדס אַ מאָרדע,
און גלעטן ווייך און לייכט מיט האַנט בהמה׳ס זיידן־ווייכע פעלן.
און הערן, ווי אין דאָרף דערנעבן הונגעריקע הינט אַ האָרדע
צעבילט זיך צו לבנה מיט פאַרקילטע הייזעריקע קעלן...



## איך און דער באַר

מיט הייסן, קלאָרן שניי, ווי ווייסע האָר באַדעקט,
שטייסטו, אָ, באַרג און אייביק גלאָצסט דעם הימל אָן!
דיין קאָפּ, דיין ריזן־קאָפּ, וואָס אין אַ כמאַרע אָנגעטאָן,
קוקט דרייסט צו זון, ווי ס׳בליקט אַ לייב פון שלאָף דערוועקט!

איך שטיי פאַר דיר אַצינד און פיל, דיין ־גרויסקייט שרעקט!
איך זע: ס׳איז אויף דיין ריזן־קאַרק אַ פינטל מאָן,
דער מענטש, א פלאַטערענדיקע, שוואַכע, הייענדיקע פאָן,
וואָס טרייסלט זיך און פאַלט פון מינדסטן ווינט באַוועגט!

אָ, באַרג, ביסט שטום און שווייגנדיק און שטאַרק, ווי גאָט
און איך אַ מילב, אַ שטויב, א וואָרם פאַרגלייכט מיט דיר!
די שטאַרקייט פון דער וועלט ווערט אויסגעלאכט דורך מיר!

איך הער, עס דונערט אין דער בלויער לופט דיין שפּאָט
פון מיר און ס׳ברויזט ס׳געלעכטער טויזנט מיילן ווייט!
די שטורעם אַראָפּ אויף מיר אַ פעלז, אָ, באַרג! כ׳בין גרייט!

## שטורעם-נאַכט

מיינע פענצטער זענען פונקט ווי ברילן,
וואָס די נאַכט האָט אָנגעטון
אויף אירע פינצטער-שרעקלעך-בליקנדיקע אויגן.

שטורם רייסט די שוואַרצע בלינדקייט דורכן,
ווי שטויבלעך פליען די שטיינער פון ברוק.
שרעק טראָגט די ערד און לופט,
שרעק טרייבט מיין מיהל אין דהאַרץ.
אַלץ צעשיט ווי זאַמד.
און איך שרייב אַ ליד
פון אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל געווען
און וועט קיינמאָל נישט זיין — —
און די נאַכט מיט ברילן—מיינע פענצטער,
שמייכלט צו מיר פינצטער.

## כ'האָב היינט זיך אויפגעהויבן פיר נאַכמיטיק

כ'האָב היינט זיך אויפגעהויבן פיר נאָכמיטיק,
מיט קאַלטן וואַסער אָפגעוואַשן מיין געזיכט.
צופרידן זיך אַליין געזאָגט „גוט ב'אָוונט!"
און מיין אַלטן אומעטיקן שנופס פאַריכט,

און בין אַרויס אין גאַס און שטיל געגאַנגען
מיט לייכטע פרישע זינגענדיקע טריט.
און מיר איז גוט געווען, וואָס ס'זענען דאָ פיל מענטשן,
און קיינער פון זיי אַלעמען באַמערקט מיך נישט.

און כ'בין געגאַנגען מיר אַזוי געלאַסן
מיט מיינע שיינע דאַרע הענט גערעדט, געשמועסט,
געשמייכלט מילד צו אַלטע פרויען
און צו פּאָליציאַנטן און צו פרעמדע לייט געגריסט.

און אַלץ איז גוט און ווויל געווען.
די זון, ד'האָט רויטן גאָלד אויף גאַס געשיקט,
ס'איז הימל-בלוי אין לופט געהאָנגען.
מיידלשע פיסלעך האָבן זיך געוויגט.

און ברייט און ווייט אַרום האָט שטאָט געטומלט,
און יעדער גאַסן-שטיין האָט מיטגערוישט ס'געשריי,
און ס'האָבן מיטגערוישט די אויטאָס און דראָשקעס
און מיטגעברומט האָט יעדערער טראַמוואַי.

און איך בין געגאַנגען און געלעזן
די שילדן. מאָריץ גראַק. אָהאָ! — אַ וואַזשנער מענטש!
ער האָט אַ דיק, בכבוד ווייב, אַ פּאָרטעפּיאַנאַ,
אַ פול געוועלב מיט ווייסע לייוונט און מיט פרענטש.

אָ, אפשר וואָלט איך איצט צו אים אַריינגעגאַנגען
און אים געפרעגט, ווי ס'שטייט היינט דער דאָלאַר
משפחה'דיק מיט אים געזעגנט
און באַלד אַוועקגעפאָרן אויף טראָטואַר.

כ'האָב היינט זיך אויפגעהויבן פיר נאָכמיטיק.
הלוואי וואָלט איך זיך נישט געווען אויפגעהויבן.
זיך שטיל געלעגן אין מיין אָרעם בעטל,
געקוקט, געקוקט, ווי אָוונט פינצטערט מיינע שויבן.

## שניי-נאַכט

עס איז שוין טיפע נאַכט. די ערד די אָטעמט לייכט
אין העמד פון בלויען זייד איז אָנגעטון די שטאָט.
עס שלאָפן אַלטע לייט. מיט זעליגקייט באַהויכט
די יונגע קינדער חלומען פון גוסן, ווייסן גאָט.

דער שניי ער פאַלט און פאַלט. און ווייסער ווערט די וועלט.
עס שורשעט צאַרט אין שטיב דער טונקעלער גאַרדין.
איך זיץ און שווייג און מיין געזיכט איז ראָז באַהעלט
פון פייערל, וואָס לוסטיק קנאַקט אין דעם קאַמין.

אַך! זאָל איצט עמיצער אַ קלאַפּ טון אין דער טיר
און אַריינקומען זאָל אַ מענטש און דריקן מיר די האַנט
זיך זעצן ביי דעם רויטן פייערל און מיר
דערציילן אַ לעגענדע פון אַן אייביק שטילן לאַנד...

## צום טויט

אָ, ווי עס שווידערט אויף מיין האַרץ, ווען כ'טראַכט: ס'וועט זיין
די שעה, ווען קיינער נישט, נאָר דו, אָ טויט, וועסט זיין מיין האַר!
אָ, וויפיל מאָל האָב איך אין גליענדיקן אָוונט-צער
געוואָרפן שטיינער דער לבנה — וועלט זאָל פינצטער זיין!

אָ, וויפיל מאָל האָב איך געקריצט מיט ציינער און אַ קעלט
איז דורך מיין לייב, ווען כאַמעס האָבן מיך גערופן „זשיד"!
ווייל מיר, וואָס פאַר'ן צלם האָט מיין זיידע נישט געקניט,
און ווייל מיר, וואָס כ'בין דער שטאָלצסטער יוד אויף גאָרער וועלט!

אָ טויט! אָ טויט! דו וועסט בעפאַלן מיך, ווי אַ וואַמפיר,
ווי אַ שאַקאַל אין סטעפ באַפאַלט אַ דרימלענדיקן לאַם,
אויסזויגן מיר דאָס בלוט, מיט ליפּן דינע, ווי אַ שניר!

איך שיק צו דיר מיין קללה, ברענענדיק ווי פלאַם...
אויב דו האָסט, אָ, טויט, אַ קבר ווערם געגרייט פאַר מיר,
האָב איך פאַר דיר דריי בעכערס ע... ...ז, גרינעם סם!

## א רויז אין א וואזע

פּרוי מ.

עס שטאַרבט פון בלייכן צער די ווייסע רויז אין דער קריסטאָלנער וואַזע
און בעט אויף ליבן מיט די בלעטלעך, ווי ליפּן מידע בלאַסע
און ציטערט, ווי די דינע פינגער פון אַ קראַנקער פרוי
און וויינט מיט קלאָרע טרערעלעך, ווי לינדער מאָרגן-טוי...

ווי טרויעריק קוקט די זון היינט אויף דער רויז אין דער קריסטאָלנער וואַזע!
וואָס טוליעט זיך אין זיך; ווי אַ פויגעלע אויף צווייגעלעך די בלאַסע
און שרעקט זיך איבער, ציטערט אויף ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד,
און ערגיץ אויף דער ווייטער גאַס צעבייזערט זיך אַ הינט...

איך שטיי געבויגן האַלב נעבן דער רויז אין דער קריסטאָלנער וואַזע
און קוק מיט טרוימענדיקע אויגן אויף די בלעטעלעך די בלאַסע
און זע, אַז ווי אַ קאַץ מיט שטילע טריט אין אָוונט-רויט
גייט אום אין שטוב, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, דער טויט...

## אַ פֿאָטער גאָט!

אַ, פֿאָטער גאָט! איך וויל נישט שטאַרבן קיינמאָל, ווייל איך ווייס,
אַז דאָרטן, ווו איך וועל באַגראָבן זיין, אין שוואַרצער שויס
פֿון מאַמע ערד, וועט אויף מיין גוף, אין פּראָך, אין שטויב, אין זאַמד,
אין טויזנט יאָר אַרום אין הימלס בלויקייט איינגעראַמט,
שטיין אַ רויך-שפּייענדע פֿאַבריק, און אונטער רעלסן שטאָל,
און אונטער פֿונדאַמענט פֿון אייזן, אונטער שטאָלנער ראָל,
און אונטער מוסקלען פֿון בעטאָן, ציגעל, קאַלך און אַרץ —
וועט רוען דער סקעלעט פֿון מיר, צעפֿוילט און שוואַרץ,
וועט רוען איינגעפּרעסט די ביינער פֿון אַ זינגענדיקן מענטש,
וואָס האָט אַמאָל געלאַכט, געוויינט, די זון און טאָג געבענטשט

אַ, פֿאָטער גאָט! איך וויל נישט שטאַרבן, ווייל איך האָס די מאַמע ערד,
וואָס וועט אַמאָל צעפּרעסן מיין געביין און וועריעם אומגעשטערט
אין שאַרפֿע שנאָבלען וועלן טראָגן מיין צעשונדן פֿלייש פֿאַרדאַרט
און קריכן אויף דער וועלט, ווי ליין אויף אַלטן העמד פֿון ערד צעשאַרט.

אַ, ווי איך האָס די פֿלאַסטן ווייכן, גליטשיק ליים, דעם זאַמדן-באַרג,
וואָס וועט איינשליסן מיך אויף אייביק אויף דעם טויטן-ברעט! ווי שטאַרק
און טיף איך האָב דיך פֿיינט, אָ, שווייגנדיקע מאַמע ערד!
אַ, פֿאָטער גאָט! אויב מיט גראָ-זילבער-האָר עס וועט מיר זיין באַשערט
צו שטאַרבן און מיט טריבן בליק צו זען דאָס ליכט פֿון זון אין רוים
צו אָטעמען אין טאָג, ווען ווי די צווייגן אויף אַן אַלטן בוים



שטיל ציטערן וועט מיין האַנט, אָדער אויב ווי אַ יונגע, ווייסע טויב
אין פֿריע יאָרן כ׳וועל אַוועקגיין פֿון דער וועלט—צעמורשט מיך און צעשטויב,
צעמילב מיך און צעזאַמדט מיך און צעאַש מיך און מיט ווינט אויף פֿעלד
צעזיי מיך, פֿאָטער גאָט, אויף אַלע זיבן ימים פֿון דיין גרויסער וועלט!
און אויב דו ביסט אַ גאָט פֿון רחמים, פֿון דערבאַרמונג און פֿון שטראָף —
פֿון הימל לאָז אַראָפּ אַ שנור פֿון פֿלאַם און אויף דער שנור הענג אויף
מיין טויטן גוף, און אין דעם ליכט פֿון זון און אין לבנה-שיין
זאָל ווי אַ צלם מיט צעשפּרייטע הענט מיין טויטער קערפּער הענגען אויף דער וועלט
און ווען ערגעץ אין אַ הויז, פֿאַרהאָנגען פֿענצטער מיט גאַרדין,
צעהוליעט ווילד און זינד, אין ווייך, אין רויש, אַן באַדענקונג און אָן זין,
זיך וואַלגערן וועלן מאַן און ווייב, ענטבלויזט אָן קלייד און אָן באַדעק,
אין אָרגיעס איינגעוויגט, אין שכרות אָפּגעטעמפּט, די פּרויען-הענט
פֿאַרקנוילט אין מוסקלען פֿון דעם מאַן, דאָס מויל פֿון תאווה-קיש פֿאַרברענט,
די לונגען און די בריסט פֿאַר׳שרפֿה׳ט פֿון דעם גליענדן געטראַנק,
די גלידער מיר פֿאַר׳חלשטע פֿון אויסגעלאַסענע טענץ און ווילד געזאַנג,
די אָדערן פֿון שלאַפֿקייט איינגעדרימלט און די באַקן בלייך און ווייס,
די נשמה אויסגעלערט, אָ, ווי, פֿון תפֿלה, ליבע און די הערצער הייס
צו זינד, ווי פֿייערן פֿאַרבליבענע פֿון אונטער אַ פֿאַרברענטער שול, ווען צווישן
חורבות וועגט,
אוי ווי! אוי ווי, די הייליקייט, די ספֿרי תורות זענען שוין פֿון לאַנג
פֿאַרברענט.
און דורך די שלאַפֿע גלידער פֿון די ווייבער, דורך דער איידלער הויט
עס שרייט די טויטע מאַמע, וואָס די זנות האָט יונגערהייט געטויט

אָ, וועק זיי אויף, אָ, וועק זיי אויף, מיין גאָט, און גיב זיי אַרויס פון דעם הויז
און ווי די קראַנקע קינדער פיר זיי ביי די ציטערדיקע הענט אַרויס
און ווייז זיי, ווי עס הענגט אַ שוואַרצער צלם אין דעם שטערן־וועג,
ווי עס הענגט אויף וועלט מיין טויטער קערפּער, ווי אַ טונקלער פלעק!

אָ, ווי און ווינד!

אָ, זעט די ענדע פון דער זינד!

און ווען אין ערגיץ אין אַ אונטער־גאַס, אין ליכט פון אַ לאַמטער
אַ בלאַסער מענטש מיט ציטערדיקע פינגער גייט אַהין און הער,
מיט זוכנדיקע אויגן זוכט ער, נישטערט ער אין קרייז פון ראָג,
און ס'פאַלט אַרויס פאַרגנב'עט אויף דעם אַספאַלט פון אונטער זיין ראָק
אַ בלישטש פון אַ שטילעט... דאָס אייַער איז אָנגערייצט פון קלאַנג
פון גאָלד אין יענעמס טאַש, און ווו ער שטעלט אַ טראָט, איז ווי געזאַנג
פון גאָלד, פון גאָלד וואָלט זיך געוויגט, געקלינגלט אין לבנה־שיין;
און גאָלד אויף דעכער הערט ער קלינגען, גאָלד אויף ציגען, גאָלד אויף שטיין...
ער בייסט די הענט און וואַרפט דעם קאָפּ און באַלד, אָ, גאָט! אָן אַ באַדאַכט—
וועט זיך דערהערן אַ געשריי אַ לעצטס... אַ מעסער וועט אַ בלישטשע טון אין נאַכט...
אַ שטראָם פון רויטן בלוט וועט טון אַ פליי, און באַלד ווי פריער שטיל
וועט ווידער ווערן אַלץ און שווייגן וועט די גאַס... אַ מענטשנס האַרץ וועט ווערן קיל...
אָ, ווייז אים, גאָט, ווי ס'הענגט אַ שוואַרצער צלם אין דעם שטערן־וועג,
ווי ס'הענגט אויף וועלט מיין טויטער קערפּער, ווי אַ טונקלער פלעק:

אָ, ווי און ווינד!

אָ, זע די ענדע פון דער זינד!

---

## די טויטע שיף

דעם אָנדענקן פון דוד ענגלענדער

אַ מאָדנע נאַכט איז דאַן געווען. ווי פינצטערע און שווייגנדע טעראַסן
די טראָטואַרן האָבן אויסגעזען און יעדעס הויז—אַ ריז, וואָס קניט.
אַ רעגן איז געווען פויל און שווער. און בלאָנדזשענדיק און שטיל און מיד,
בין איך אין שטאָט געגאַנגען אויף אַספאַלט אַ גלאַנציקן און נאַסן.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלצדינג שווימט — די הייזער און די גאַסן...
עס איז די שטאָט אַ מידע שיף, וואָס אין ווייטע, אומבאַקאַנטע לענדער ציט...
איך עפן אויף אַ פענצטער פון אַ הויז און זע: עס פלאַטערט און עס פליט
אַ מחנה ווייסע פייגל, אַלבאַטראָסן אין די זילבער־וואָלקן־פאַסן.

און אויף דער שווימענדיקער שיף איז קיינער נישט פאַרהאַן, בלויז איך אַליין...
איך בין דער איינציקער מאַטראָז, וואָס שלייכט און גייט א שווייגנדער אַריין־
אַרויס אין די קאַיוטעס, זוכן מענשן, ווו א שטומער ווינקל בליקט...

איך גיי אַרום... קיין לעבעדיקער אָטעם וועהט... קיין הויך... אַ כוואַליע פאַלט...
איך גיב א ציטער... און דערזע פאַרגלייזטע אויגן... ביי די ווענט אַ וואַלד
פון מענטשן... ציין אַרויסגעשטאַרטע, אַפּלען איבערדרייט, אין האַס דערשטיקט...

איך דראַפּע זיך אַרויף מיט בלייכע הענט אויף אַ לאַמטער, ווי אַ מאַסטבוים,
און קוק זיך אום אין אַלע זייטן הימל. שטום און טויט זעט אויס די שיף,
די שטילע שטאָט. ווי ווייט עס גרייכט אַהין מיין בליק, אין אויסגעוועלבטער טיף
און הויך איז שוואַרץ. ווי סימאַפאָר אויף רעלסן־באַנען־שליאַכן בלישטשעט קוים

אַ העלער שטערן שוואַך און קאַרג. און אַלע שויבן גלאַנצן ווי אין טרויער
און די לבנה איז בלוט-רויט און שלעפּט זיך שווער אין נעפּעלדיקן רויש
פון פינצטערקייט און זעט איצט פון דערווייטנס אויס ווי פון לאַקאַמאָטיוו
די רויטע שיין, דאָס העלע אויג. עס שרייט דער ווינט, ווי ווילדער גייערס צווייפ.

און אַלצדינג וויגט זיך, וויאַש זיך, וויגט! און טויזנט קלאַפּטער אין דעם האַרץ פון ים,
וואָס וואַרפט די שיף אויף כוואַליעס, שליידערט זיך און ברומט אַ ריזן-גרויסער האַי.
עס שוועבט און ס'טראָגט אַרום זיך דאָס געשריי מיט זיבן וויכערס ווילד און פריי

אין טויטער שטאָט, אויף אַ שטילער שיף... און דורך לאַמטערן-גלאָז אַ קליינער פלאַם
פון וואַקסן ליכט צעזייט אַ שוואַכן שיין און טויטער פינצטערקייט אַרום
און אין די ווינקלען לאַכן טויטע מיט די ציינער וואַרגענדיק און שטום...

מיין גאָט! מיין גאָט! וואוהין אַזוי אין שוואַרצער נאַכט, אין וויסטן שריי פון ווינט
זיך שיפט די טויטע, דרימלענדיקע שיף? וואוהין גייט זי צו וועלכן ברעג
פאַרבלאָנדזשעט מיך דער גורל? און ווי ווייט זיך שפּאַנט און גרייכט אַהין דער וועג
פון ים?... און קיינער ענטפערט נישט!... איך ציטער... מיינע אויגן זענען בלינד

פון שרעק און גרויל... איך וויל רייסן, פליקן מיר די האָר פון קאָפּ, נאָר עמיץ בינדט
די הענט מיר... כ'לויף אַרום אַ וואַנזיניקער אין דער גאַס פון עק צו עק
און וו איך לויף און וו איך שטיי—עס פאַלט לבנה'ס רויטער פלעק
אַרויף אויף מיר—צוויי רויטע שטרייפן, ווי עס וואָלט מיין ברוסט געווען פאַרשפּינט

מיט אַ העל-רויטן צלם פון לבנה'ס ליכט... איך וואַקל זיך און פאַל—
עס נעמט זיך דער שיף, דער טויטער שטאָט, אַ פעלזן-האַרטער וואַסער-וואַל
ער נעמט אַריין די שיף אין ריזן-מויל און שפּייט מיט עקל די צוריק



און טוט אַ ברום, ווי ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן און ווי לאַווע וואָלט געקראַכט
און ווי אַ הונט, אַקנעכט, שרייט מיט דער ווינט אין וואָלקן-איינגעשמידטער נאַכט
און ס'ציטערט אָפּ דער ווידערקלאַנג אין שיף, וואָס טרייסלט זיך אויף שוואַרצער וויג.

איך גיי און לויף אַרום מיט דער לבנה'ס רויטן צלם אויף דער ברוסט
און שפּרייז אַדורך אַ מענטשן-לערע גאַס און ס'דוכט זיך מיר, אַז ביינערדיקע הענט
פון טויטע מענטשן כאַפּן מיך ביי פיס און ליפּן פונ'ם טויט פאַרברענט
כיכאָקן מיר אין דעם געזיכט און לאַכן גיפטיק, חוזקדיק און פוסט!...

און דאָס געלעכטער קלינגט אויף שטילער שיף און עס בלייבט הענגען אויף די ווענט
און בראַזגעט אויף די שויבן און פאַרלעשט זיך ווי אַ טויבער, שווערער הוסט
פון אַ בוהאַי און שניידט אַדורך די לופט און שטאַרבט אָפּ אין דעם הימלס ענד,
ווו דונער וואַכט, וו שטורעם רוט, און וו, אָ, שוואַרצע הפקר-נאַכט, דו רוהסט!

איך טו אויס מיט די ציין דאָס העמד פון מיר און הענג עס אויס אויף אַ לאַמטער.
דערזע איך, אַז דער רויטער צלם ליגט מיר אויף דעם נאַקטען, גאָלן לייב.
און שריי מיט הויכער שטים אין טויטער שטאָט: אָ, קומט אַהער! אָ, קומט אהער!

און קיינער קומט נישט. שטיל. קיין הויך פון מענטשנס-האַרץ. קיין שאָרך. דער
ווידערקלאַנג
פון מיין רעטונגס-געשריי צעפליט זיך אין דער טונקלער לופט, ווי טויט געזאַנג,
וואָס קוילערט, ציטערט אין דער נאַכט אַ ווײַלע נאָר און גייט אויס דומף און טויב.

און קיינער קומט נישט. אין די בלינדע, פוסטע גאַסן, וואַגל איך אַרום

איינער אַליין אין שטאָט און ווער פלוצלונג פאַרבלאָנדזשעט אויפן אלטן מאַרק
די בוידן שטייען אָפן. לייוונט, סטענגעס, קרעל, טראָלזן, פייערוואַרק
אין פאַכן ליגן, גלאַנצן, שימערן אין דעם פאַרלאָזענעם פּאָדום.

איך דערכלעך איינגעהויקערט שטייען קראָען, קעץ און מייז און בליקן צום
פאַרהילטן אין די כמאַרעס הימל און זיי שרייען הויך, ווי אויף אַ טאַרג
פון שדים, שרעטלעך, פאַנעלעך און גנאָמען אין אַ חרובעם האַרבאַרג,
און דאָס געווינזלערײַ עס ציט אַדורך די שטאָט און רעשט ווי אַ סאַמום.

מיט איינמאָל קומט אָן אַ באַשעפעניש צו גיין, האַלב מענטש, האַלב געץ, האַלב פּאַן,
מיט האָר באַוואַקסן ס׳פּנים, אויפן קאָפּ אַ מיץ, אויף לײַב אַ סאַראַפאַן
פון בלויען קאָרט און אין דער גראָבער האַנט אַ שטעקעלע פון שילפן-רויר.

די אויגן זײַנע בלישטשען שאַרף אין גרינעם גלאַנץ ווי אויסגעשמירט מיט מור.
ער גיט אַ פּאָכע מיטן שטעקעלע פון רויר און מיט דער צונג אַ פייף,
און מייז און הינט און קאַץ און קראָען רינגלען מיך אַרום אין ענגן רייף.

די בריאים דרייען זיך אַרום מיר און זיי שרייען מאָוימדיק און ווילד
און אויגן זעגען ווי די סטענגעס קרעלן גרין און געל און רויט און בלוי,
די מויזן-ציינדלעך ווייסלען זיך און ווי די שפּאַרבערס שניידיק, שאַרף און רוי-
צעקראַקן זיך די קראָען אין דעם שלייער פון דער נעפּל-נאַכט פאַרהילט.

דער ווינט ער לויפט אַרום און פײַקלט מיט די פינגער אויף יעטוועדער שילד
און יאָגט אַרײַן אין קעצן-אויגלעך, פאַלשע, גרינלעך-געלע, ווי דאָס שטרוי-



דעם נאַכטיג-הימלס פאַלנדיקן, שימערירנדיקן כשוף-טוי,
ווי ער וואָלט אַצינט מיט אן עלעקסיר די אויגן זייערע פאַרפּולט.

אין ריי נאָך ריי ער קומט אָן צו די שרעטלעך, הינט און קראָ און שוואַלב און מויז,
וואָס זענען אָנגעקומען פון אַ יעדער חורבה, פון א יעדן הויז
און זיך געהאָרכזאַמע געשטעלט אין אַלטן מאַרק אויף שיפן שינדל-דאַך

פון בויד און קראָם און מיט א סודותדיקן שפּאַס און חוזק אין געזיכט
בעוואַרט אויף האַלבער נאַכט און בענקנדיק געגלאָצט צו טורעם-זייגערס פלאַך,
ווען צוועלף דערהערן וועט זיך אויף די גאַסן און פאַרלעשן וועט זיך ס׳ליכט.

וווהין, וווהין, מיין גאָט! טרייבסטו די שיף פון איינזאַמקייט און צער, אָ, זאָג ?
ווי לאַנג נאָך וועט אַ וואַל נאָך אַ וואַל זי וואַרפן אין דעם טיפן תהום
פון ווײַ און פינצטערניש און צי וועט זי אַמאָל דערזען דעם זילבער - שוים
פון ברעג, וווּ מענטשן לאַכן און ווּ קינדער שפּילן זיך אין ראָג ?

מיין גאָט, ווי דו, אין אומעט מיין, וועל איך אַ שריי טון: אָ! זאָל וווערן טאָג
אין מיין נשמה! זאָל אַוועק פון מיר דער אייביק-ווּיסטער, בלייכער טרוים,
וואָס מאַכט פון שטאָט א טויטע, דרימלענדיקע שיף, וואָס ווערט געפירט אין צוים
פון שטורעמדיקן ים, אין ווינט-געברוס, אין כוואַליעס-שריי, אין ווּיכערס קלאָג.

ווי דו, מיין גאָט, אין וועלט-בעשאַף, צערייסן וועל איך מיט די ציין, ווּאָ קייט
פון שטאָל די נאַכט אין מיר, מיין גליענדיקן טרוים, מיין אייגנע פינצטערקייט
און מיט אַ תפילה אויפן מויל אַ פאַל-טון אויף די קני: ליכט! ליכט! ליכט!

און אויב עס שווימט—ווער ווייס, ווער ווייס וווהין?—די שוואַרצע, דרימלענדיקע שיף
אויף ים פון וועלט—אָ, זאָל זי שווימען אין איר טרויער צו אַ ברעג און ראַנד.
אָבער קיינמאָל, קיינמאָל זאָל זי נישט קומען צו אַ האַפן, צו אַ לאַנד!

אָ, זאָל זי שפּאַנען ווייט די טויטע דרימלענדיקע שיף אָן אַ וווהין!
זאָל וויגען ווינט אין אַלע שטומע ווינקלען אירע און אין יעדן הויז;
אויף דילן זאָלן שלאָפן קעץ און שאָף און וואַקסן זאָל אַ ווילדער גראָז
אויף גרויע ווענט; די אימהדיקע פוסטקייט זינגען זאָל אויף פענצטער-צין.

מיין בלייכן צער, מיין מיד געשריי, מיין שלאָפן שמערץ, מיין טונקעלעם מאַגזין
פון מיינע נעכט אָן שלאָף, פון מיינע טעג, אָן פרייד, אָן גליק, ווער גלייך ווי אַ מויז
צעקוועטשט אין סירן פון אַ דעמבן-שאַנק—האָב איך פון עלנט שוואַרץ און גרוי
געביסן מיינע פינגער—טראָג, אָ, טויטע שיף, אָ, טראָג אָן אַ וווהין!

און אויב די בריאים אויפן אַלטן מאַרק זיי וועלן שרייען: ווינד און וויי!
אָ, שטורעם פון ים, אָ, הפקר-ווינט, אָ, כוואַליעס-האַרץ, שרייט העכער נאָך פון זיי
און בלאָנדזשען זאָל אויף ים אָן קול, אָן ליכט, אָן רו די טויטע שיף!

און ווייכן זאָל פון איר דער העלער טאָג, אויסמיידן זאָל דער זונען-שיין,
דער ווינט זאָל זי פאַרשלעפן, די נאַכט זאָל זי פאַרזיגן, דער שניי זאָל זי פאַרשנייען.
און ביז צום סוף פון וועלט, פון אַלע דורות וואָגלען זאָל די טויטע שיף